# פרשת וישלח י"א – י"ז כסלו תשע"ז לפ"ק

***יום ראשון פרשת וישלח***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **שמואל יחזקאל שפארן** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר כך השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**וישלח** יעקב מלאכים לפניו, אל עשו אחיו ארצה שעיר שדה אדום (בראשית ל-ד), יעקב האט געשיקט מלאכים צו עשו. און רש"י זאגט, מלאכים ממש. ער האט נישט געשיקט קיין שלוחים, נאר מלאכים ממש. אין די מפרשים שטייט, אז ווען א יוד טוט א מצוה, ווערט באשאפן דערפון א מלאך, א סניגור, וואס איז ממליץ אויף אים. און ח"ו ווען מען טוט א עבירה, איז מען קונה א קטיגור, א מלאך וואס איז מקטרג אויף אים. יעקב האט געשיקט צו עשו פון די מלאכים וואס זענען באשאפן געווארן פון זיינע מצות, וואס דאס איז א סניגור אויפן מענטש. און ער האט אויסגעקליבן דעם מלאך וואס איז באשאפן געווארן פון מצות מילה. ו'ישלח י'עקב מ'לאכים ל'פניו, איז די ראשי תיבות וימ"ל. ער האט געשיקט מלאכים וואס זענען באשאפן געווארן פון די מצוה פון מילה, אז זיי זאלן גיין צו עשו. - די מפרשים זענען מסביר, אז די מצוה פון מילה איז מען מקיים בלתי לה' לבדו, אן קיין פניות. א קליין קינד האט נאכנישט קיין דעת, און אזוי גייט ער אריין בבריתו של אברהם אבינו. וועגן דעם האט ער געשיקט די מלאכים וואס זענען באשאפן געווארן פון די מצוה פון מילה.

**עס** קען אפשר זיין נאך א כוונה, פארוואס ער האט געשיקט מלאכים דווקא פון די מצוה. די גמרא (שבת קנו.) זאגט, אז די מזל פון מאדים, דאס ווייזט אויף פארגיסן בלוט. ווען א מענטש ווערט באשאפן אין די מזל פון מאדים, וועט ער בטבע זיין א רוצח, עס ליגט אין זיין בלוט די ענין פון רציחה. אבער ער קען עס טוישן, אדער ווערט ער א מוהל, אדער ווערט ער א שוחט, וואס דעמאלטס טוט ער פארגיסן בלוט אויף א אנדערע וועג, אויף א דרך היתר. עס איז נישט נאר סתם אז ער טוישט זיין מזל אזוי אדער אזוי, טאמער ער איז באשאפן געווארן אין מזל מאדים מיט א געוויסע נטיה צו רציחה, ווערט עס געטוישט דורך דעם וואס ער טוט זיך נעמען צו שחיטה אדער מילה, נאר דאס טוט אויך מכניע זיין דעם כח פונעם מזל מאדים, וואס ברענגט אריין אינעם מענטש די מדה פון רציחה. מזל מאדים האט אין זיך צוויי חלקים, אדער איז עס רציחה, אדער איז דער תיקון דערויף, די מצוה פון מילה.

**מען** געפונט ווען יודען זענען ארויס פון מצרים, האט פרעה געזאגט אז ער זעהט א מזל פון רעה וואס גייט ארויס אקעגן זיי אינעם מדבר, און דאס איז א סימן פון דם, אז עס וועט פאסירן א אומגליק אין מדבר. ער האט אבער נישט גוט געזעהן, וויל דער סימן איז געווען אויף דעם אז יודען וועלן זיך דעמאלטס מל'ן (רש"י שמות י-י). וויל דאס איז מכוין איינס אקעגן דעם אנדערן. ווען עס איז דא ח"ו א דין פון רציחה, איז דא א וועג אז מען קען עס ממתיק זיין, מיט א אנדערע דם, מיט דם מילה.

**איך** האב אמאל געזען שטיין אין **יערות דבש** (ח"ב דרוש י"א), מכתם לדוד ללמד, דוד המלך האט געזאגט, בהצותו את ארם נהרים ואת ארם צובה, וישב יואב ויך את אדום בגיא מלח, שנים עשר אלף (תהלים ס-א). די מלחמה איז ער נישט געגאנגען פירן אליין, נאר ער האט געשיקט יואב, אז יואב זאל פירן פאר אים די מלחמה. פארוואס איז דוד המלך נישט אליין ארויסגעגאנגען אין די מלחמה, נאר ער האט געשיקט יואב. זאגט דער **יערות דבש**, וויל מען האט געהאט צוטון מיט אדום, און אדום איז דאך זיין מזל רציחה, האט ער א כח אז ער זאל קענען זיגן אין די מלחמה. דער וועג אז מען זאל קענען מכניע זיין דעם מזל, איז די מצוה פון מילה. דוד המלך איז געווען מכתם לדוד, שהיה מכתו תם (סוטה י:), ער איז געבוירן געווארן מהול, האט אים געפעלט אין די מצוה פון מילה, וויל ער איז געבוירן געווארן גע'מל'ט. האט ער נישט געוואלט פירן אליין די מלחמה, האט ער געשיקט יואב, אז יואב זאל פירן די מלחמה. 'מכתם לדוד', דוד איז געווען מכתו תם, ער איז געבוירן געווארן גע'מל'ט. און וועגן דעם, 'בהצותו את ארם נהרים ואת ארם צובה', ווען עס איז געווען א מלחמה אויף ארץ אדום, 'וישב יואב

ויך את אדום בגיא מלח שנים עשר אלף', האט ער געמוזט שיקן איינעם וואס האט די מצוה פון מילה בשלימות.

**ווען** עשו איז געקומען אקעגן יעקב, האט יעקב גענומען די מלאכים וואס זענען באשאפן געווארן פון די מצוה פון מילה, און זיי האט ער געשיקט, ווייל זיי זענען די היפך פון אדום. אדום איז רציחה, און די מצוה פון מילה איז מגין דערויף. 'וישלח יעקב מלאכים לפניו', ער האט געשיקט מלאכים פון מצות מילה, ווייל 'ארצה שעיר שדה אדום', ער האט זיי געשיקט קיין אדום, און אויף אדום דארף זיין די היפוך פון רציחה, דארף מען האבן מצות מילה. די מצוה פון מילה וואס יודען טוען מכניס זיין א קינד בבריתו של אברהם אבינו קליינערהייט, כי עליך הרגנו כל היום, עלטערן פארגיסן בלוט פון א קינד, דאס ווייזט אז מיר זענען זיך מוסר נפש פארן אייבערשטען, און דאס איז מעורר רחמים אויף כלל ישראל.

*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' נטילת ידים סימן קס"ב סעיף ה') בבית מדרשנו. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** תורה פארציילט אז ווען יעקב אבינו איז געגאנגען קיין חרן, איז ער אדורכגעגאנגען דעם הר המוריה, דעם מקום המקדש, און ער האט זיך נישט אפגעשטעלט דארט מתפלל צו זיין. ווען ער איז אנגעקומען קיין חרן, האט ער זיך מתבונן געווען, אז ער איז אדורכגעגאנגען דעם הר המוריה, מקום שהתפללו בו אבותי, דארט האבן מיינע עלטערן, אברהם און יצחק, מתפלל געווען, און איך האב זיך נישט אפגעשטעלט דאווענען, יהיב דעתיה למיהדר, ער וויל צוריקגיין, מיד קפצה לו הארץ, האט דער אייבערשטער געמאכט קפיצת הארץ, און ער איז גלייך אנגעקומען אהין.

**רש"י** (כח-יז) פרעגט, פארוואס האט אים דער אייבערשטער געלאזט גיין, ביז ער אנגעקומען קיין חרן. פארוואס האט מען אים נישט אפגעשטעלט פון הימל די ערשטע מאל וואס ער איז געגאנגען. זאגט רש"י, אז אויב פאר יעקב אבינו אליין איז נישט איינגעפאלען אז ער זאל זיך אפשטעלן ביי הר המוריה, וועט מען אים פון הימל נישט מעכב זיין. דער אייבערשטער העלפט צו פאר א מענטש צו גיין דעם וועג וואס ער וויל גיין, אבער אז ער וויל נישט גיין אויף דעם וועג, ער וויל זיך נישט אפשטעלן ביים הר המוריה, טוט מען נישט מעכב זיין פון הימל. אויב דו ווילסט גיין קיין חרן, גיי, און דער אייבערשטער האט אים נישט צוריקגעהאלטן דעם וועג.

**דאס** וואלט גוט געווען, ווען יעקב אבינו גייט צופיס קיין חרן, און ער קומט אן קיין הר המוריה, און מען פרעגט פארוואס מען האט אים נישט אפגעשטעלט, איז דער תירוץ, ווייל פון הימל שטעלט מען נישט אפ. בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו, אויב א מענטש וויל גיין, לאזט מען אים גיין ווייטער. אבער אין מדרש (ב"ר סח-ט) שטייט, אז יעקב האט אויך געהאט קפיצת הארץ, ווען ער איז געגאנגען קיין חרן. ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה (כח-י), אינעם זעלבן טאג וואס ויצא יעקב מבאר שבע, וילך חרנה, איז ער אנגעקומען אויף חרן. קומט דאך אויס, אז נישט נאר ער האט זיך נישט אפגעשטעלט דארט, נאר מען האט געמאכט פון הימל בדרך נס, אז ער זאל אדורכגיין הר המוריה, און אנקומען אויף חרן. נאר שפעטער ווען ער איז אנגעקומען קיין חרן, און יהיב דעתיה למיהדר, האט ער געהאט די צווייטע מאל קפיצת הדרך צוריקצוקומען. איז דאך די קשיא שווערער. אויב ער וויל גיין, לאזט מען אים טאקע גיין. אבער פארוואס האט מען נאך געמאכט פון הימל אז ער זאל האבן קפיצת הארץ, איבערצולאזן הר המוריה און אנקומען קיין חרן.

**עס** שטייט אין **תולדות יעקב יוסף** (פ' שופטים), ער ברענגט צו א ווארט פונעם **בעל שם טוב הק'**, אז דער **בעל שם טוב הק'** האט געטייטשט, רצון יראיו יעשה, ואת שועתם ישמע ויושיעם (תהלים קמה-יט). 'רצון יראיו יעשה', דער אייבערשטער טוט דעם רצון פון זיינע יראים, 'ואת שועתם', און זייער געבעהט, 'ישמע ויושיעם', הערט דער

אייבערשטער צו. עס וואלט געדארפט צו שטיין אין פסוק פארקערט, קודם ואת שועתם ישמע ויושיעם, ווען דער צדיק איז מתפלל, הערט דער אייבערשטער צו זיין תפלה. און רצון יראיו יעשה, און נאכדעם וואס דער אייבערשטער האט צוגעהערט זיין תפלה, טוט דער אייבערשטער דעם רצון פון די יראים. ער זאגט רצון יראיו יעשה, דער אייבערשטער האט שוין אפגעטון דעם רצון פון די יראים, און ואת שועתם ישמע ויושיעם, וואס זיי בעהטן טוט דער אייבערשטער העלפן?! מען האלט שוין נאכדעם, ער האט שוין אפגעטון דעם רצון. ווען דער צדיק האט נאר געוואלט, האט דער אייבערשטער שוין געטון דעם רצון. - און נאך איז שווער, נאר צדיקים הערט דער אייבערשטער צו שועתם, דער אייבערשטער איז דאך א שומע תפלת כל פה, יעדער יוד וואס דאווענט פארן אייבערשטען, איז דער אייבערשטער מקבל די תפלה. א צדיק איז מען מער מקבל די תפלה, אבער דו קענסט נישט זאגן, אז נאר ווען די יראים זענען מתפלל, ישמע ויושיעם.

**זאגט** דער **בעל שם טוב הק'**, אז די גמרא (ברכות סג.) זאגט, גנבא אפום מחתרתא רחמנא קריא, א גנב ווען ער שטייט איינצוברעכן במחתרת, איז ער אויך מתפלל, רבונו של עולם, העלף מיר אז איך זאל קענען אדורכפירן די גניבה. דאס איז טייטש, א מענטש טוט אמאל א זאך וואס מען דארף נישט צו טון, אבער ער ווייסט אז אלעס איז אינעם הענט פונעם אייבערשטען, איז ער מתפלל צום אייבערשטען, אז דער אייבערשטער זאל אים העלפן, אז ער זאל קענען אויספירן אפילו די זאך וואס ער וואלט נישט געדארפט צו טון. און אז דער אייבערשטער איז א שומע תפלה, זאגט דער **בעל שם טוב הק'**, העלפט אים דער אייבערשטער. ער בעהט הצלחה אין די גניבה, איז ער מצליח, און עס געלונגט אים די גניבה. אבער שפעטער ווען מען כאפט אים, און ער קומט נאכאמאל בעטן פונעם אייבערשטען, רבונו של עולם, איך בין אין א צרה, זיי מיך מציל פון די תפיסה וואס עס ווארט אויף מיר, דעמאלטס הערט נישט דער אייבערשטער צו די תפלה, ווייל דו האסט דאך עס געבעטן, און איך האב דיר געגעבן וואס דו האסט געוואלט. דו האסט געבעטן אז איך זאל דיר געבן הצלחה אין די גניבה, און דו האסט עס באקומען, וואס ווילסטו יעצט, יעצט ווילסטו צוריק דרייען, די צווייטע תפלה טוט שוין דער אייבערשטער נישט צוהערן.

**אבער** ווען א צדיק בעהט אסאך מאל אויף א זאך, אפילו דער אייבערשטער ווייסט אז עס איז נישט זיין טובה, אבער אז דער צדיק האט געבעטן, טוט דער אייבערשטער דעם רצון פונעם צדיק. און אפילו שפעטער וועט ער איינזעהן אז עס איז נישט גוט, און ער וועט בעטן, רבונו של עולם טוה פארקערט. וועט דער אייבערשטער צוריקדרייען, און ער וועט טון פארקערט. פאר א צדיק טוט דער אייבערשטער אלעס. 'רצון יראיו יעשה', קודם טוט ער זיין רצון וואס ער וויל. 'ואת שועתם', און נאכדעם וואס דער אייבערשטער האט געטון זיין רצון, און ער בעהט נאכדעם פונעם אייבערשטען, עס טויג נישט די עצה וואס איך האב געבעטן, דער אייבערשטער זאל מיר געבן א אנדערע וועג, 'ישמע ויושיעם', טוט דער אייבערשטער אויך צוהערן נאכדעם זייער שועתם.

**זעהט** מען דאך, אז ווען א צדיק האט א רצון, אפילו דער אייבערשטער ווייסט, אז באמת איז נישט גוט פאר אים די זאך וואס ער האט געבעטן, טוט דער אייבערשטער קודם זיין רצון, אז דו האסט געבעטן וועט עס דער אייבערשטער נאכגעבן. איי שפעטער וועט זיך מאכן א פראבלעם דערפון, וועט זיך דער אייבערשטער שפעטער א עצה געבן מיט די פראבלעם וואס האט זיך געמאכט. ואת שועתם, וואס זיי בעטן נאכדעם, ישמע, טוט אויך דער אייבערשטער צוהערן, ויושיעם, און ער טוט זיי העלפן.

**דער** אייבערשטער האט געוויזען דא ביי יעקב, ווען יעקב האט געהאט א רצון, בשעת ער גייט ארויס פון באר שבע, און ער וויל אנקומען אויף חרן, האט דער אייבערשטער געזאגט, רצון יראיו יעשה, אז דו ווילסט אנקומען אהין, וועט דער אייבערשטער מאכן קפיצת הארץ. איי שפעטער וועסטו בעטן אז דו ווילסט צוריקקומען אויף מקום שהתפללו בו אבותי, דעמאלטס וועט זיין ואת שועתם ישמע ויושיעם, וועט אים דער אייבערשטער נאכאמאל צוריקברענגען.

**דער** אייבערשטער האט אונז געוואלט לערנען, אז ביי א צדיק טוט דער אייבערשטער זיין רצון אין אלע אופנים. נישט נאר ווען דער אייבערשטער ווייסט אז עס איז גוט פאר אים, נאר אפילו עס איז נישט גוט, און ער וועט חרטה האבן אויף וואס ער האט געבעטן, קודם טוט דער אייבערשטער אויספירן זיין בקשה. א צדיק האט אייביג זיין רצון וואס ער וויל. יעצט איז זיין רצון אז ער זאל אנקומען קיין חרן, באקומט ער די וועג אויף חרן. און אז ער וועט האבן א רצון צוריקצוקומען, וועט דער אייבערשטער מאכן קפיצת הדרך אז ער זאל צוריקקומען.

*

אחר השיעור השתתף **רבינו שליט"א** אצל הוואכנאכט של נכדו, בן לבנו **הרה"ג רבי יהושע שליט"א**, שהתקיים בבית אבי הבן, ונטל ידיו לסעודה.

במשך שעות הלילה עברו המוני אנשי שלומנו וידידים וקרובי המשפחה, ובתוכם רבנים ודיינים קרובי המשפחה שליט"א, לאחל ברכת מזל טוב לבעלי השמחה ובראשם הסבים האדמורי"ם שליט"א.

בסיום הסעודה השמיע הסב **כ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א** מדברותיו לכבוד השמחה. אחר כך בירך **רבינו שליט"א** על הכוס, וקראו קריאת שמע כנהוג.

*

***יום שני פרשת וישלח***

תפלת שחרית התפלל **רבינו שליט"א** בבית מדרשנו ברוב עם, ביחד עם תלמידי ישיבתינו הק'. עם סיום התפלה התקיימה שמחת הברית מילה לנכד **רבינו שליט"א**, בן לבנו **הרה"ג רבי יהושע שליט"א**.

בין השאר נתכבדו בעלי וראשי השמחה: הסב **הגה"צ ר"י מונקאטש שליט"א** בקוואטער וכסא של אליהו. הסב **כ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א** בסנדקאות. במוהלות שימש אבי הבן **הרה"ג רבי יהושע שליט"א**. הסב **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א** בברכות וקריאת השם. [**רבינו שליט"א** העביר הכוס ל**האדמו"ר ממונקאטש שליט"א** לקריאת השם]. הסב **הרה"צ רבי אלי' בצלאל טייטלבוים שליט"א** בעמידה לברכות. ויקרא שמו בישראל '**מרדכי אברהם**'. 'מרדכי' על שם זקינו **הגה"צ אב"ד וואדקערט זצ"ל**, '**אברהם**' על שם זקנו **הגה"ק בעל קול ארי' זי"ע, והרה"ק בעל בית עין זי"ע** (שיומא דהילולא חל בו ביום). - אחר הברית פצחו הקהל בניגוני שמחה, ועברו בסך לפני הסבים האדמורי"ם שליט"א לאחל ברכת מזל טוב בעת שמחתם.

סעודת הברית התקיימה ברוב עם הדרת מלך, ובשירה וזמרה שבחו גאולים לרגל האי עידן חדוותא. – בתוך הסעודה נשא דברים אבי הבן **הרב יהושע שליט"א**, אחר כך השמיע דברי תורה **כ"ק האדמו"ר מדינוב שליט"א**, ואחריהם השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש בגודל קדושת מצות מילה.

בברכת המזון נתכבד הסב **הרה"צ רבי אלי' בצלאל טייטלבוים שליט"א**, ובאמירת 'הרחמן' נתכבדו בני המשפחה. אחר ברכת המזון חילק **רבינו שליט"א** כוס של ברכה לכל קהל המשתתפים כנהוג.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**וישלח** יעקב מלאכים לפניו, אל עשו אחיו, ארצה שעיר שדה אדום (בראשית ל-ד). רש"י זאגט, מלאכים ממש, יעקב האט געשיקט מלאכים צו עשו. אין די מפרשים שטייט, אז ער האט געשיקט פון די מלאכים וואס זענען באשאפן געווארן פון זיינע מצות און מעשים טובים. ווען א יוד טוט א מצוה איז ער זיך קונה א פרקליט, א מלאך וואס איז א סניגור, וואס טוט אים ארויסהעלפן ווען ער איז אין א עת צרה. יעקב אבינו האט געהאט אסאך מצות, פון וועלכע מצוה האט ער געשיקט מלאכים. שטייט אין הייליגע ספרים, אז די ראשי תיבות פון ו'ישלח י'עקב מ'לאכים ל'פניו, איז די ראשי תיבות וימ"ל. ער האט גענומען מלאכים פון מצות מילה, און די מלאכים האט ער געשיקט צו עשו. וואס איז דער ענין אז פונקט די מלאכים פון מצות מילה, האט ער געשיקט צו עשו?

**און** יעקב האט געשיקט א שליחות צו עשו, און ער האט אים געזאגט, עם לבן גרתי ואחר עד עתה, ויהי לי שור וחמור צאן ועבד ושפחה, ואשלחה להגיד לאדוני למצוא חן בעיניך (לב-ה). רש"י זאגט, עם לבן גרתי, ותרי"ג מצות שמרתי, ולא למדתי ממעשיו הרעים. פרעגט מען די קשיא, ווי אזוי האט ער אפגעהיטן די תרי"ג מצות, עס איז נישט

מעגליך אז איין יוד זאל מקיים זיין אלע תרי"ג מצות, און כל שכן אין חוץ לארץ. וואס האט ער געזאגט, ותרי"ג מצות שמרתי.

**עס** קען אפשר זיין דער ענין. מצות מילה וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן, איז א מצוה וואס טוט מבדיל זיין צווישן יודען און אומות העולם. ועל בריתך שחתמת בבשרנו, דער אייבערשטער האט חותם געווען א ברית אין יעדן יוד, אז מען זאל וויסן, אז מיר זענען אנדערש פון אלע פעלקער. וואס עס איז גוט פאר זיי, איז פאר אונז נישט גוט, און וואס עס איז שלעכט פאר זיי, איז פאר אונז נישט שלעכט. אונז האב מיר א גאנץ אנדערע סיסטעם אינעם לעבן, ווי וואס א גוי האט. און כדי מען זאל וויסען אז מיר זענען אנדערש, האט דער אייבערשטער אריינגעלייגט א חותם אין יעדן יוד, דאס איז זיין סימן, אז ער איז נישט אזוי ווי די אומות העולם.

**יעקב** אבינו איז געווען ביי לבן אין שטוב צוואנציג יאר, און ער איז נישט געטוישט געווארן א משהו, פון ווען ער איז אנגעקומען ביז ער איז אוועקגעגאנגען. ויבא יעקב שלם (לג-יח) שלם בתורתו, נאך זעכציג יאר זיצן אין בית המדרש און לערנען, איז ער ארויסגעגאנגען ארבעטן צוואנציג יאר, און ער איז נישט געטוישט געווארן די גאנצע צוואנציג יאר. ער איז געווען שלם בתורתו, אזוי ווי ווען ער איז געווען ווען ער איז געגאנגען אין אנהייב. און נישט נאר ער, נאר אויך די קינדער וואס ער האט מחנך געווען דארט ביי לבן אין שטוב, וואס זענען אויסגעוואקסען הייליגע שבטי י-ה, האבן זיך געהאלטן ערליך. וואס האט זיי געגעבן די כח, אז זיי זאלן זיך קענען האלטן, און זיך פירן ערליך, אין אזא גרויסע מקום טומאה ווי ביי לבן אין שטוב?

**איך** האב געזען אמאל שטיין, אז ווען א מענטש וואוינט צוזאמען מיט א שוואכערן מענטש, בדרך כלל לערנט ער זיך אפ פון אים, נאכצוטון זיינע מעשים. אבער ווען א מענטש וואוינט צוזאמען מיט א בהמה אדער א חיה, ער האט א קוה, צו א פערד, האט נאך קיינער נישט געזעהן, אז ער זאל טראכטען, אז ער דארף נאכטון וואס דער קוה טוט. עס קומט אים נישט ארויף אויפן חשבון. איך בין א מענטש, און דאס איז א בהמה. וואס איז שייך אז איך זאל נאכטון וואס דער בהמה טוט. עס איז אים נישט עולה על הדעת אז ער זאל זיך צושטעלן דערצו, ווייל עס איז אינגאנצן נישט קיין מענטש.

**ווען** א יוד קוקט אן די אומות העולם, אז זיי זענען א עם הדומה לחמור (יבמות סב.), זיי זענען דומה צו בהמות. מענטשליכע בהמות, צוויי פיסיגע בהמות, אבער עס איז נישט מער פון א בהמה, דער גאנצער קאפ ליגט אין הבלי עולם הזה. פון א בהמה לערנט מען זיך נישט. און דאס איז געווען ביי יעקב אבינו, ער האט אנגעקוקט לבן מיט די גאנצע חברה ארום און ארום, ווי ער געפונט זיך צווישן א סטאדע פון בהמות. און פון א סטאדע פון בהמות, לערנט מען זיך נישט אפ קיין שום זאך.

**האט** יעקב געזאגט, 'עם לבן גרתי', איך האב געוואוינט מיט לבן, 'ולא למדתי ממעשיו הרעים', איך האב זיך נישט אפגעלערנט פון זיינע מעשים, ווערסטו פרעגן פון וואו קען דאס זיין, אז מען זאל זיין ביי לבן אין שטוב, און מען זאל זיך נישט אפלערנען פון זיינע מעשים. זאגט ער, 'ויהי לי', דער לבן איז געווען ביי מיר, 'שור וחמור', אזוי ווי א שור מיט א חמור. און פון א שור מיט א חמור לערנט מען זיך נישט אראפ, אז ווייל דער שור האט אזוי געטון, צו דער חמור האט אזוי געטון, זאל ער אויך אזוי טון. ווייל דאס איז א שור מיט א חמור, און איך בין א מענטש. איך בין אנדערש. אזוי האט יעקב געקוקט אויף די אומות העולם. - איך האב געזען שטיין, אז מען האט נאכגעזאגט דעם ווארט פארן **בריסקער רב**, האט דער **בריסקער רב** געזאגט, פשט אין פסוק איז עס נישט, אבער דער געדאנק איז א שיינער געדאנק.

**און** דאס איז די מצוה פון מילה, וואס דער אייבערשטער האט חותם געווען אינעם מענטש. עס קען זיך אמאל דאכטן, אז א יוד מיט א גוי זענעןביידע מענטשן, ער האט א הנהגה, און איך האב אן אנדערע הנהגה. דער אייבערשטער וויל אז מיר זאלן וויסען, אז עס איז נישט נאר א נפקא מינה אין די הנהגה, נאר דער גאנצע מהות איז אנדערש. אונז האב מיר א חותם וואס דער אייבערשטער האט אונז חותם געווען, צו ווייזען

אז מיר זענען נישט אזוי ווי די אומות העולם. זיי זענען אזוי ווי בהמות, און אונז טו מיר נישט נאך וואס א בהמה טוט. און די מצוה פון מילה, וואס ווייזט אז מיר זענען אנדערש פון אומות העולם, די מצוה האט באגלייט יעקב אבינו די גאנצע צייט וואס ער איז געווען ביי לבן אין שטוב, צו וויסען אז ער איז אנדערש פון לבן, ער שטעלט זיך נישט צו, צו אים, עס אינטערעסירט אים נישט וואס לבן טוט, איך בין אנדערש פון א בהמה.

**מצות** מילה איז א איינצעלנע מצוה אין די תורה, אבער עס איז שקולה כנגד כל המצות (נדרים לב.). ווען א יוד איז מקיים מצות מילה, איז כאילו ער האט מקיים געווען כל התורה כולה. קומט אויס, אז מצות מילה האט אין זיך אלע תרי"ג מצות התורה. האט יעקב אבינו געזאגט, 'עם לבן גרתי', איך בין געווען ביי לבן, 'ותרי"ג מצות שמרתי', איך האב מקיים געווען מצות מילה, וואס איז תרי"ג מצות, עס איז שקול כנגד כל המצות. און אז איך האב געלעבט מיט די מצוה פון מילה, אז איך בין אנדערש פון אים, 'ולא למדתי ממעשיו הרעים', האב איך מיך נישט אראפגעלערנט פון זיינע מעשים. און וועגן דעם האב איך געקענט אהיימקומען ערליכערהייט, שלם בתורתו, ווי יעקב אבינו איז אהיימגעקומען.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, אז יעדע מצוה האט אין זיך א סגולה. יעדע מצוה האט א השפעה אויף די וועלט אויף א געוויסע ענין. די גמרא (ר"ה טז.) זאגט, אז מען זאל גיסען ניסוך המים אין סוכות, כדי עס זאל געבענטשט ווערן די וואסער. מען זאל נעמען א אתרוג מיט א לולב, לעצור טללים רעים (סוכה לז:). עס איז נישט קיין שכר מצוה, ווייל ער שאקעלט לולב וועגן דעם טוט דער אייבערשטער צוריק האלטן טללים רעים, נאר דאס איז די סגולה פון די מצוה. די גמרא (ר"ה טז.) זאגט, אז מען זאל בלאזן שופר כדי עס זאל קומען די זכרון פון יודען פארן אייבערשטען. וואס האט שופר צוטון מיטן זכרון, אז ווען מען וועט בלאזן שופר וועט קומען דער זכרון פארן אייבערשטן, נאר דאס איז די סגולה פון די מצוה. און אזוי האט יעדע מצוה זיין סגולה, עס איז דא א מצוה וואס איז א סגולה פאר פרנסה, און עס איז דא א מצוה וואס איז א סגולה פאר א רפואה. יעדע מצוה האט אין זיך א סגולה, פאר א געוויסע זאך אין עולם הזה. מיר ווייסען נישט קלאר פונקטליך וועלכע מצוה איז מסוגל פאר וועלכע זאך, נאר דאס וואס חז"ל האבן מגלה געווען אויף פארשידענע מצות, אז ווען מען איז מקיים די מצוה, איז דא דערין א סגולה פאר א געוויסע ענין. הרגיל בנר הויין ליה בנין רבנן (שבת כג:), עס איז נישט א שכר מצוה, נאר דאס איז די סגולה פון די מצוה, אז הרגיל בנר, האט קינדער תלמידי חכמים.

**אז** מצות מילה איז שקולה כנגד כל המצות, קומט אויס, אז מילה האט אין זיך די סגולה פון אלע מצות. ווייל יעדע מצוה האט זיין סגולה, און מילה איז דאך שקולה כנגד כל המצות. אז יעקב האט געדארפט יעצט האבן א סגולה מכניע צו זיין עשו, איז דאך דא א געוויסע מצוה אין די תורה, וואס אין דעם ליגט א סגולה אז מען זאל קענען מכניע זיין עשו, האט ער גענומען די מלאכים וואס זענען באשאפן געווארן פון די מצוה פון מילה, וואס די מצוה האט אין זיך אלע מצות, און מיט דעם וועט ער קענען בייקומען עשו. 'וישלח יעקב מלאכים לפניו', יעקב האט געשיקט מלאכים פון מצות מילה, 'למצוא חן בעיניך'. ווייל 'עם לבן גרתי, ותרי"ג מצות שמרתי', איך האב מקיים געווען מצות מילה, וואס די מצוה איז שקול אזוי ווי אלע תרי"ג מצות. און אז מען האט אלע תרי"ג מצות, האט מען די סגולה וואס איז דא אין אלע מצות, און מיט דעם וועט ער קענען בייקומען עשו.

**מען** זיצט ביי א סעודת ברית מילה, רבי יהושע זאל זיין געזונט האט מכניס געווען זיין קינד בבריתו של אברהם אבינו. עס איז א גרויסע שמחה פאר אים און פאר מיר, אז דער באשעפער העלפט אז מען זעהט ווי אזוי די דורות ווערן ווייטער נמשך. ב"ה רבי יהושע זיצט און לערנט אזויפיל יארן, און ער איז זיך מייגע אויף תורה, זאל אים דער אייבערשטער געבן ווייטער אויך, אז ער זאל קענען זיצען באהלה של תורה מיט הרחבת הדעת, און מגדל זיין דעם קינד, און אלע קינדער, לתורה ולחופה ולמעשים טובים, מתוך נחת והרחבה. דער באשעפער זאל געבן פאר אונז, און פארן מחותן זאל זיין געזונט, און פארן חשובן זיידן וואס באשיינט די שמחה, אז אלע זאלן האבן

לאנגע געזונטע יארן, און זעהן שמחות און נחת ביי די קינדער. און פאר אלע מסובים וואס האבן זיך משתתף געווען אין די שמחה, אפגעזעסן א גאנצן פארמיטאג ביי די שמחה, זאל זיי דער אייבערשטער באצאלן, אז זיי זאלן זעהן אסאך נחת דקדושה ביי זייערע קינדער און אייניקלעך, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות. און מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** (בבגדי שבת) אצל החופה של בן ש"ב הרה"ג רבי **הערש לייב פאללאק** שליט"א (בן הגה"צ אב"ד וואדקערט שליט"א), עב"ג בת הרה"ג רבי **שמואל טייטלבוים** שליט"א, שהתקיים באולם פרדס צבי. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת הכתובה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת הר"ר **דניאל פייג** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **אליעזר שלום באדאנסקיא** הי"ו, שהתקיים באולם בעדפארד פערעדייס. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר השבע ברכות חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בן ש"ב הרה"ג רבי **הערש לייב פאללאק** שליט"א, ורקד מצוה טאנץ לפני הכלה.

*

***יום שלישי פרשת וישלח***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן **הרה"ג רבי ברוך מאשקאוויטש שליט"א** אב"ד יאמפאלי (מנהל הת"ת במאנסי), עב"ג בת **הרה"ג רבי שאול יהודה פריזאנט שליט"א** דומ"ץ דק"ק צאנז יוניאן סיטי, שהתקיים באולם קאנטינענטאל.

***יום רביעי פרשת וישלח***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** (בבגדי שבת) אצל החתונה של בן ש"ב הרה"ג רבי **אהרן כ"ץ** שליט"א (בן הגה"צ אב"ד תולדות אהרן שליט"א, חתן כ"ק האדמו"ר מפאפא שליט"א), עב"ג הרה"ג רבי **משולם שרגא מרגליות** שליט"א, שהתקיים בבית המדרש פאפא. אחר ברכת המזון ואמירת שבע ברכות נתכבד **רבינו שליט"א** במצוה טאנץ. **רבינו שליט"א** רקד לפני הכלה, והמשיך בריקודין עם החתן, ועם משפחת אחיו **הגה"צ אב"ד תולדות אהרן שליט"א**, ויצא במחול עם **כ"ק האדמו"ר מפאפא שליט"א**.

*

***יום חמישי פרשת וישלח***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך, ושיעורו השבועי באור החיים הק'. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***שבת קודש פרשת וישלח***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי יהושע שליט"א**.

אחר התפלה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **שלמה יעקבווערטהיימער** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש אור ישראל אלימלך סאטמאר (ראטלידזש סט.). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות.

אחר הברית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקידושא רבה לרגל הולדת הבת אצל הר"ר **אהרן צבי בלווישטיין** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש סאמבאטהעלי.